זעליק איז געוואַקסן אין וואַלד ווי אַ ווילדע ציג. אָפּט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף עטלעכע טעג, זיך מיטגעכאַפּט מיט אַ בערלינקע זאַלץ, וואָס איז פֿאַרבײַגעשווומען, און אין דער היים האָט ער קיינעם נישט אויסגעפֿעלט. און איין מאָל, אַז ס׳איז דורך אַ וואָך און זעליק איז נישט אַהיימגעקומען, האָט די מוטער געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט. אַלע האָבן געשוויגן. און נישט בחינם! ווען זעליק איז געבוירן געוואָרן מיטן וואָרצל, האָט די מוטער זיך דערשראָקן און געשיקט נאָך דער אַלטער „טשאַראָווניצע“, זי זאָל אים אָפּשפּרעכן.

די מכשפֿה האָט געהייסן דעם קליינעם זייער היטן. אַז נישט, וועט די קייסערין פֿון דער ווײַסל, די הייליקע וואַנדע, אים צונעמען.

און דער פֿישער מיט די בנים האָבן געגלייבט באמונה־שלמה, אַז דאָס שטיק וואַסער, וווּ זיי ווינען, מוז צונעמען אַ מענטש, דען דער פֿאַנג ווערט שוואַכער פֿון יאָר צו יאָר. דאָס וואַסער פֿאָדערט זײַנס – דעריבער גייט זיי אַזוי שלימזלדיק.

און יעדעס מאָל, ווען זעליק איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף עטלעכע טעג, האָבן אַלע געשוויגן און בײַ זיך האָט יעדער געטראַכט, אַז דאָס וואַסער האָט שוין זײַן קרבן. איז, ווי אויף צו להכעיס, דער קליינער יעדעס מאָל צוריקגעקומען. די ווײַסל האָט אים שוין דרײַ מאָל אַרויסגעוואָרפֿן. דעריבער האָט שׂמחה ניט געוואָלט וויסן פֿון דעם ייִנגל, אים ניט געלערנט קיין ייִדישקייט, איז טאַקע זעליק אַרומגעגאַנגען קרועה־בלועה.

„וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט, וואָס, בהמה דו?“ האָט די פֿישערין אַ געשריי געטאָן צו זעליקן. „גיי אַריבער צום ׳שרײַבער׳ און פֿרעג וויפֿל פֿיש מען זאָל שיקן אויף שבת.“

דאָס ייִנגל האָט געכאַפּט די פֿלאַש מיטן גאָלדענעם פֿישל און זיך געלאָזט איבערן וואַלד.

זעליק האָט געטראַכט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער נישט כאַפּן קיין פֿיש מיט עמערס. ער וועט זיך אויסבויען אַ פּליט און כאַפּן פֿיש מיט סיטשן. און אַז ער וועט רײַך ווערן (און רײַך ווערן וועט ער געוויס), קויפֿט ער זיך אַ פּאָר גומענע שטיוול מיט לאַנגע כאָלעוועס, וואָס פֿאַרבינדן זיך מיט אַ שנאָל אַזש אונטערן בויך, אַ לעדערן רעקל און ער וועט אַרומפֿאָרן אין די וואַסערן אין אַן אמת פֿישערשיפֿל, מיט אַזאַ גרויס ראָד. דעמאָלט וועט ער זיך אויסבויען פּונקט אַזאַ הויז מיט אַ גלעזערנער וועראַנדע, ווי פּנחס שרײַבער האָט. און טאָמער גאָר אַוועקשענקען דאָס גאָלדענע פֿישל רחלען? זי איז דאָך מיט אים שוין ברוגז דעם צווייטן טאָג! ער האָט איר שוואַרצער קאַץ דעם עק אָפּגעהאַקט. אַ שיינע רייִנע כּפּרה! אַז די פֿיש וואַרפֿן דעם רויגן, דאַרף זי זיך נישט פֿאַרגנבֿענען און אויפֿפּרעסן זיי! יאָ, דאָס פֿישל וועט ער אַוועקשענקען רחלען. אמת, גאָלדענע פֿישלעך וואַלגערן זיך נישט אין דער ווײַסל, נאָר גאָרנישט, ער וועט עלטער ווערן, וועט ער כאַפּן אַ וואַלפֿיש, אים אויסהוילן, זיך אויפֿנייען פֿון דער שופּנפֿעל אַ פּאָר הויזן מיט אַ ראָק צוזאַמען, ווו די בלויזע אויגן זאָלן זיך נאָר אַרויסזען, און ער וועט זיך אַ לאָז טאָן מיט אויפֿגעשטעלטע פֿליספֿעדערן צו די גאָלדענע פֿישלעך. ער ווייסט, אַז זיי וווינען אין די טיפֿסטע קעסלגריבער. ער וועט אָבער רחלען אָנזאָגן, זי זאָל טוישן דאָס וואַסער און אַרײַנוואַרפֿן עטלעכע קרישקעס.

אויף דער וועראַנדע איז געזעסן רחל און זיך אויסגעטענהט מיט דער שוואַרצער קאַץ, וואָס איז געלעגן מיט אַ געשוואָלענעם רוקן אין אַן אויסגעבעטן קאָשיק:

„מײַן אָרעם קעצל! ס׳טוט דיר ווי? נו, וויין נישט! מיקאָלײַ זאָגט, ס׳וועט זיך פֿאַרהיילן. דערפֿאַר וועט זעליקס וואָרצל ווערן אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, זעסט, אַזוי!“ און זי האָט צעשפּרייט ביידע הענטלעך – „וועט דאָס זײַן מיאוס“, האָט רחל זיך צעלאַכט, „זעליק מיט אַן עק אויף דער באַק!“

זעליק איז אונטערגעקומען.

„רחל, זעסט, כ׳האָב אַ גאָלדן פֿישל! ווילסט עס?“ רחל האָט זיך אויסגעדרייט און אַראָפּגעלאָזט אַ ליפּ:

„כ׳בין ברוגז!“

„פֿאַר וואָס ביסטו ברוגז?“

„ווײַל ביסט אַ גזלן!“

„אַז דער טאַטע האָט מיר געהייסן, אויף מײַן וואָרט! ער האָט נאָך געהייסן כאַפּן דײַן קאַץ אין אַ זאַק אַרײַן און זי אַראָפּוואַרפֿן פֿון בערגל, אַזוי, פּליוך, אין וואַסער אַרײַן!“

„און מיינסט, ס׳וועט דיר זײַן געשאָנקען? גאָט וועט דיך שטראָפֿן! מיקאָלײַ זאָגט, אַז דײַן וואָרצל מוז ווערן אַזוי גרויס, ווי דער אָפּגעהאַקטער עק.“

זעליק איז אויף אַ מינוט צעמישט געוואָרן, זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער באַק און אים האָט זיך בעת־מעשׂה מיט אַן אמת אויסגעדאַכט, אַז דער וואָרצל וועט לענגער.

„ס׳איז אַ ליגן! אין ווייַל וועטסטו זיך, אַז מאָרגן האָב איך אים שוין נישט? כ׳האָב אַזאַ מיטל!“

„וואָס פֿאַר אַ מיטל?“

„מע שמירט אים אויס מיט טויבנבלוט עטלעכע מאָל, ווערט ער פֿאַרדאַרט און פֿאַלט אַראָפּ.“

„טאָ פֿאַר וואָס טוסטו עס נישט?“

„ווײַל די מאַמע זאָגט, דער וואָרצל איז מזלדיק און אַז כ׳וועל אים אַראָפּנעמען פֿאַר 13 יאָר, וועט ס׳מזל אַנטלויפֿן.“

„און דו ביסט מזלדיק?“

„אַוודאי, זעסט, מיך האָט די ווײַסל שוין דרײַ מאָל אַרויסגעוואָרפֿן... און כ׳וואָלט אַפֿילו אין ים אויך געקאָנט שווימען! מײַן טאַטע איז שוין אַזוי לאַנג פֿישער און האָט נאָך קיין מאָל קיין גאָלדן פֿישל נישט געכאַפּט. און איך ווייס, ווּ זיי ווינען אויך! און דו ווייסט נישט!“

„ווּ?“

„אין קעסלגריבער!“

„זעליק, ס׳איז אמת, אַז אַ קעסלגרוב מוז יעדעס יאָר צונעמען אַ מענטש?“

„אַוודאי, זיי ווינען דאָרט מיט די גאָלדענע פֿישלעך! דו ווייסט, אַז כ׳וועל עלטער ווערן, וועל איך אַהין זיך אַראָפּלאָזן צו די גאָלדענע פֿישלעך.“

„און אַז זיי וועלן דיך נישט אַרויסלאָזן?“

„זיי וועלן יאָ אַרויסלאָזן!“

„און וואָס וועסטו דאָרט טאָן?“

„ווייסט וואָס, דאָרטן ליגן אַלע ים־אוצרות, וועל איך זיך אָנלייגן פֿולע קעשענעס מיט גאָלד און בריליאַנטן און קומען צוריק.“

„און וועסט מיך אויך מיטנעמען?“

„דיך? אַז ביסט ברוגז!“

„אַוודאי בין איך ברוגז!“

„וועל איך דיך נישט מיטנעמען!“

„טאָ נעם נישט!“

„טאָ גיב מיר אָפּ ס׳גאָלדענע פֿישל!“

„ס׳גאָלדענע פֿישל? טאָ פֿאַר וואָס ביסטו אַזאַ שלעכטער, נעמסט מײַן קעצל און – –“

„אויף מײַן וואָרט, כ׳וועל מער דעם עק נישט אָפּהאַקן!“

„אַז דו האָסט שוין אָפּגעהאַקט!“

„רחל, ווּ ביסטו? ס׳עסן ווערט קאַלט“, האָט די אַלטע דינסט גערופֿן פֿון שטוב אַרויס.

„כ׳גיי שוין“, האָט רחל געענטפֿערט און זיך אויפֿגעשטעלט.

„קום מאָרגן צו אונדז, רחל, באָטשאַנעס זײַנען שוין געקומען צו פֿלִיען, וועסט קומען?“

„כ׳וועל קומען.“

רחל איז אַרײַן אין שטוב.

ב.

דער וואַלד האָט פֿריילעך גערוישט, געשמעקט מיט קאַליפֿאָניע.

זעליק, אַן אָפּגעבערענטער, ווי אַ ציגײַנערל, איז זיך געגאַנגען אַ באָרוועסער איבערן וואַלד, אויסגעמיטן די סטעשקע, ווּ אַלע גייען, געשפּרײַזט איבער דער שוואַרצער, זומפּיקער, מיט מאָך באַוואַקסענער ערד און הנאה געהאַט ווי די קילע, פֿײַכטע ערד צעגייט און פֿידלט אונטער זײַנע פֿיסלעך, ווי גוט אויסגעקנאָטן טייג. דאָס ייִנגל האָט געהאַלטן אַ שליסל אין מויל און געפֿײַפֿט אויף וואָס די וועלט שטייט.

רחל, אַ פֿריילעכע, מיט צעפֿלאַמטע בעקלעך, מיט די שיך און זאָקן אין די הענט, איז דעם ייִנגל נאָכגעגאַנגען.

שטראַלן, וואָס זײַנען געווען באַהאַלטן טיף אין וואַלד, האָבן מיט אַ מאָל גענומען שטיפֿן, זיך פֿלעכטן אַרום רחלען. די שטראַלן האָבן זיך פֿאַרגנבֿעט פֿון הינטן, איר אַ קוש געטאָן, צוריק אָפּגעשפּרונגען און מיט אַ מאָל זי אַ גאָס אָפּ געטאָן מיט אַזאַ זילבערנער ליכטיקייט, אַז רחל האָט אַזש פֿאַרזשמורעט די אויגן און אַרויסגעלאָזט אַ פֿריילעכן קוויטש.

פֿייגל זײַנען געוואָרן לעבעדיקער, זיך אַרויסגעריסן מיט אַ פּאַטשערײַ פֿון טיפֿן גראָז, געבליבן הענגען אַנטקעגן דער צעפֿלאַמטער זון און האָבן זיך צעטרעלט. דער וואַלד האָט פֿריילעך גערוישט, געשמעקט מיט קאַליפֿאָניע.

און עס האָט זיך געדאַכט גלײַך מחנות פֿידל־שפּילער זײַנען צעוואָרפֿן איבערן וואַלד, ווערן אַלץ מידער, הערן ביסלעכווײַז אויף צו שפּילן – האָבן די פֿידל־שפּילער דערזען ווי אַ יונג פּאָרל שטייט האַנט אין האַנט באָרוועסע אויף דער פֿײַכטער ערד, האָבן זיי זיך דערפֿילט ייִנגער, ראַש און ראַשער גענומען רײַבן זייערע בויגנס אָן געל־רויטלעכע שטיקער קאַליפֿאָניע, און די הויכע סאָסנעס, ווי אָנגעצויגענע סטרונעס, האָבן אַ ציטער געטאָן, זיך צעברומט, ווי אַ ווײַטער שטילער ים: יוגנט! יוגנט!

אַרויסגייענדיק פֿון וואַלד, האָט דאָס פּאָרל זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברעג פֿון דער ווײַסל און גענומען שווענקען אין דעם דורכזיכטיקן וואַסער זייערע בלאָטיקע פֿיסלעך.

אויף דער צווייטער זײַט ווײַסל האָבן זיך געצויגן ברייטע גרינע לאָנקעס, דורכגעוואָרפֿן מיט געלן „כאַבער“.

איבער דער לאָנקע איז אַרומגעגאַנגען אַ ווײַסער בושל מיט אַ שוואַרצן עק. ער האָט געהויבן זײַנע רויטע פֿיס, ווי שטאָלצן, גדלותדיק פֿאַרריסן זײַן לאַנגן האַלדז מיטן רויטן שנאָבל און געשלונגען מיט אַ „קליו־קליו“ גרינע זשאַבקעלעך. און אַז די זון איז אַרויסגעשוווּמען פֿון הינטער אַ וואָלקן און גענומען באַקן, האָט דער בושל זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין פֿוס, באַהאַלטן זײַן רויטן שנאָבל מיט אַ האַלבן קאָפּ אונטער אַ פֿליגל און איז אַזוי געבליבן שטיין אויף דער גרינער לאָנקע, ווי אַן אויסגעמאָלטער.

„רחל, ווייסט וואָס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך?“

„וואָס?“

„טאָ שווער זיך, אַז וועסט קיינעם נישט דערציילן!“

„אָסור נישט!“

„גיי, כ׳האָב מורא, וועסט יאָ דערציילן!“

„אויף מײַן וואָרט, נישט, זעליק!“

„געדענק!“ און זעליק האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿינגער צו דער נאָז. „ווייסט וואָס מיר איז אײַנגעפֿאַלן?“

„וואָס?“

„דו וועסט נישט טרעפֿן!“ האָט זיך זעליק צעלאַכט.

„זאָג שוין!“ האָט רחל זיך געבעטן, אָנגענומען זעליקן בײַ אַ האַנט און געריבן איר נאַס פֿיסל אָן זײַנס.

„דו ווייסט, ווען מיר קריגן אַ גענדזן איי, אוי, וואָלט דאָס געווען גוט!“

„צו וואָס דאַרפֿסטו אַ גענדזן איי?“

„כ׳וואָלט עס אַרײַנגעלייגט אין נעסט צו די באָטשאַנעס, וואָלט אַרויסגעקומען אַ האַלבער באָטשאַן און אַ האַלבע גאַנדז.“

„און דער באָטשאַן וועט דיך צולאָזן?“

„כ׳וועל עס פֿאַר טאָג אַרײַנלייגן, וועןביידע פֿלִיען אַוועק.“

„זעליק, דו ווייסט ווער עס ברענגט קליינע קינדער? ברײַנע זאָגט, אַז אַ באָטשאַן ברענגט אַ קליין קינד אין אַ קאָשיקל. ווּ ווינען אַלע קינדער?“

„אין הימל!“

„און אַז ס׳רעגנט?“

„אַז ס׳רעגנט? כ׳ווייס נישט! מסתּמא באַהאַלטן זיי זיך, ווען די וואָלקנס גייען אַראָפּ צו דער ווײַסל זיך אָנטרינקען.“

„און דער באָטשאַן, וואָס שטייט אויף דער לאָנקע, קען ברענגען קליינע קינדער?“

„אַוודאי!“

„זעליק, און אַז איך וועל שטאַרק וועלן, וועט דער באָטשאַן מיר אויך ברענגען אַ קינד?“

„אַוודאי!“ און זעליק האָט אויסגעשטרעקט די הענט. „אַזאַ באַרג מיט קינדער!“

אַ צווייטער בושל, עטוואָס אַ קלענערער, מיט אַ ווײַסן פֿליגל, ווי אַן אָפּגעקאַלכטער, האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט. דער „ער“, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דער לאָנקע, האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט, צעשפּרייט די פֿליגל, פֿאַרריסן דעם לאַנגן האַלדז, זיך פֿונאַנדערגעגענעצט און גענומען לויפֿן אַרום און אַרום דער „זי“ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשריגן –“קליאַ־קליאַ“. דער „ער“ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפֿגעהויבן זײַן רויטן, עטוואָס צעעפֿנטן שנאָבל, ווּ ער האָט געהאַלטן אַ גרין זשאַבקעלע, ווילעריש געקוקט אויף דער „זי“, ווי ער וואָלט געזאָגט: „בײַ מיר וועט שוין אַ ווײַב נישט שטאַרבן פֿון הונגער“, און עס איר אַרונטערגעטראָגן. בשעת די „זי“ האָט זיך געקרעקט, געהויבן דעם האַלדז, געגלאָצט מיט די אויגן און געשלונגען דאָס זשאַבקעלע, וואָס האָט זייער קיין חשק ניט געהאַט צו מאַכן אַ שפּאַציר איבערן בושלס גרגרת, האָט דער „ער“ איר עטלעכע מאָל פֿון ליבשאַפֿט וועגן אַ פּיק געטאָן מיטן שנאָבל, אײַנגענורעט זײַן קאָפּ צו איר אונטערן פֿליגל און עפּעס געזוכט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט, גענומען פּאַטשן מיט די פֿליגל, איז געפֿלויגן נידעריק אַרום דער „זי“, האָט געמאַכט חנדלען מיטן בייגיקן, קלוגן האַלדז און דער תּמיד שטילער פֿויגל האָט זיך צעזונגען: „קליאַ־קליאַ־קווע, קליאַ־קליאַ־קווע!“

זעליק איז אַרויס פֿון וואַסער.

„גיי שוין אַהיים, רחל, און ברענג אַן איי, איצט איז דאָס נעסט ליידיק, גיכער, טו אָן די שיך!“

רחל האָט אַ פֿריילעכע אָנגעטאָן די שיך, זיך געפֿילט באַקוועמער און אַ שפּרונג געטאָן.

„נו, וואָס גייסטו נישט?“ האָט זעליק געפֿרעגט.

„כ׳פֿויל זיך אַליין!“

„וועל איך מיט דיר מיטגיין, קום!“

און די קינדער, אָננעמענדיק זיך פֿאַר די הענטלעך, זײַנען שפּרינגענדיק פֿאַרשווּנדן אין וואַלד.

ג.

זעליק איז אַ פֿריילעכער צו צו דער סטאָדאָלע, ווו די בושלען האָבן געהאַט דאָס נעסט, האָט גענומען פֿון רחלען דאָס איי, עס צוגעהאַלטן מיט די ליפּן און לײַכט, ווי אַ קאַץ, גענומען קלעטערן אויף דער גלײַכער ליימענער וואַנט.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר אַן אָפֿענער קראָקווע, געוואַרט אַ ביסל, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס גלײַכגעוויכט און זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן קערפּער אויפֿן דאַך. דאָס נעסט איז באַשטאַנען פֿון אַן אַלטער, הילצערנער בראָנע. אין דער בראָנע איז געלעגן אַ קויש, אויסגעבעט מיט גראָז און צווײַגן. אַ טוכלער ריח פֿון פֿיש, זשאַבעס און הינדלעך האָט זעליקן אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַרײַן. אין דעם נעסט זײַנען געלעגן דרײַ גרויסע אייער. זעליק האָט אַרויסגענומען אַן איי, אַרײַנגעלייגט אָנשטאָט דעם דאָס גענדזענע און געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן פֿון דאַך, ווי ביידע בושלען האָבן זיך מיט אַ מאָל באַוויזן און זיך געטראָגן מיט צעשפּרייטע פֿליגל גלײַך אויף זעליקן. זעליק האָט נאָך צײַט געהאַט אַראָפּצושפּרינגען, נאָר ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, די בושלען זאָלן אים נישט צעפּיקן, אַז ער איז געבליבן אַ רגע שטיין מיט דעם איי אין ביידע הענט.

„זעליק, שפּרינג אַראָפּ!“

זעליק האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט, פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, ווי איינער וואָס דערוואַרט קלעפּ, און גענומען זיך אַראָפּגליטשן פֿון משופּעדיקן דאַך.

דער „ער“, דורכפֿליִענדיק, האָט אויסגעצויגן זײַן לאַנגן האַלדז, זיך פֿאַרמאָסטן מיט זײַן שאַרפֿן שנאָבל זעליקן אין פּנים אַרײַן. זעליק האָט אויסגעמיטן דעם בושלס שנאָבל, געכאַפּט אַ פּיק אין דער פּלייצע און איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דאַך, ווי אַ שטיין. דאָס איי האָט זיך צעשפּריצט און אָפּגעגאָסן זעליקן מיט אַ געלער פֿליסיקייט.

רחל האָט געמיינט, אַז זעליק איז געוויס טויט פֿון דעם קלאַפּ, האָט זי זיך גענומען אויסקנײַפּן שטיקער פֿלייש, געפֿאַלן לעבן זעליקן אויף די קניִען, אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענטלעך, גענומען קושן און זיך צעוויינט:

„זעליקל, טײַערער מײַנער, ס׳טוט דיר וויי, זאָג? אַלץ בין איך שולדיק! צו וואָס האָב איך געבראַכט דאָס איי?“

אַז זעליק איז פֿון דעם קלאַפּ געקומען, האָט ער דערפֿילט אַ ווייטיק אין דער פּלייצע און זיך דערמאָנט, אַז דער בושל האָט אים אַ פּיק געטאָן. רחל, דערזעענדיק, אַז פֿון רעקל רינט בלוט, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קעפּל.

„אוי, מאַמעשי, בלוט!“

און זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט לעבן זעליקן אויף די קניִען און אים גענומען בעטן:

„זעליקל, טײַערער מײַנער, קום צו אונדז, ברײַנע וועט דיר עפּעס צולייגן, זי וועט, אָסור, קיינעם נישט דערציילן, וועסט זען, כ׳בעט דיך, זעליקל, קום!“

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און זיך צעוויינט:

„אַלץ איבער מיר!“

זעליק, זעענדיק, אַז מען וויינט איבער אים, האָט ער זיך מיט אַן אמת דערשראָקן, פֿאַרגעסן אָן דעם ווייטיק און זיך אויפֿגעשטעלט.

„קום, רחל, מיר וועלן צוגיין צום וואַסער, וועסטו מיר אָפּוואַשן דאָס בלוט, גוט? וויין נישט, מיר וועט גאָרנישט זײַן! כ׳האָב שוין געהאַט גרעסערע לעכער אין קאָפּ און ס׳האָט זיך אויסגעהיילט.“

„ביסט בייז, זעליק?“

„ניין!“

„ווילסטו מיר זאָלן אייביק זײַן חבֿר?“

„אַוודאי וויל איך!“

„זעסט, כ׳האָב דיך אַזוי ליב –“ האָט רחל געזאָגט און געכאַפּט איר הענטל איבער דעם עלנבויגן אין מויל אַרײַן, פֿאַרקוועטשט די אויגן און אַ שטאַרקן ביס זיך געטאָן, אַז אַלע אירע ציינדלעך, פֿאַרלאָפֿענע מיט בלוט, האָבן זיך אַרויסגעפּרעסט.

זיי האָבן געשוויגן, זײַנען געגאַנגען איבער די דיקע, טרוקענע צווײַגלעך,וואָס האָבן זיך געבראָכן אונטער זייערע פֿיסלעך, זײַנען געגאַנגען צו דער ווײַסל.

רחל, ווי אַ קליינע מאַמע, האָט זיך גענומען פּאָרען אַרום זעליקן. זי האָט אים אויסגעטאָן דאָס רעקל, דערנאָך האָט זי אַראָפּגעצויגן דאָס העמדל, זיך אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז מ׳טאָר ניט קוקן אויף אַ נאַקעטע ייִנגל, זי האָט גענומען איר ווײַס פֿאַרטעכל, עס געטונקען אין קאַלט וואַסער און אַרומגעווישט זעליקן די וווּנד. זעליק איז געלעגן אויף אַלע פֿיר, ווי אַ פֿאַרווווּנדעט חיהלע, האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן און הנאה געהאַט, וואָס רחל פּאָרעט זיך אַרום אים. און אַז זי האָט די וווּנד אַרומגעווישט, האָט זי אויסגעוואַשן איר פֿאַרטעכל, עס גוט אויסגעדרייט, אַרויפֿגעלייגט עס זעליקן אויף דער וווּנד, זיך פֿאַרקליבן מיט אים צווישן קוסטעס, אין שאָטן, און אים געהייסן זיך אויסציִען מיטן פּנים אויף איר שויס, אַז די וווּנד זאָל זיך עטוואָס צוטריקענען.

זעליק האָט געפֿאָלגט און איז גלײַך אַנטשלאָפֿן געוואָרן בײַ רחלען אויפֿן שויס.

רחל האָט יעדע ווײַלע אונטערגעהויבן דאָס פֿאַרטעכל – געקוקט, צי די וווּנד פֿאַרטריקנט זיך. די וווּנד אָבער האָט געבלוטיקט, האָט רחלען פֿאַרקוועטשט אונטערן הערצל און זי האָט זיך שטיל צעוויינט. און אַ פֿאַרוויינטע, מיט רויטע פֿאַרלאָפֿענע אויגן, האָט רחל אײַנגענורעט איר קעפּל צווישן די בלעטער און איז אײַנגעשלאָפֿן.

ד.

די בושליכע איז אַ גאַנצן פֿרימאָרגן ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר נעסט – האָט געקוקט, ווי דאָס קליינוואַרג פּיקט זיך פֿון די אייער.

דער „ער“ איז געווען צעטראָגן, האָט געשוועבט איבערן נעסט מיט מאָדנע אויסגעשרייען, געבראַכט יעדעס מאָל דער „זי“ עפּעס אין מויל אַרײַן און געשפּרײַזט אַרום דער סטאַדאָלע גיך, מיט אַן אײַנגעקאָרטשעטן האַלדז צווישן די פֿליגל.

די „זי“ האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם „קליו־קליו“. דער „ער“ האָט זיך צוגעזעצט, צעשפּרייט די פֿליגל און געזעסן בײַם נעסט. ער איז אויף אַ רגע ווי צעטומלט געוואָרן, געקוקט אויף דער „זי“, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט פֿאַרשעמט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געבעטן: „אַז כ׳בין אויף מײַן וואָרט ניט שולדיק.“ אַ קליין גענדזעלע האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פֿון דער אויסגעגעסענער שאָל פֿון אַן איי. דער בושל האָט דערפֿילט, ווי אַלץ אין אים נעמט זיך טרייסלען און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער „זי“, געפֿליקט מיטן שנאָבל אירע פֿעדערן. די „זי“ האָט נאָך טיפֿער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך נאָך נענטער צוגערוקט צום „ער“ און זיך נישט געווערט. אַלץ אין איר האָט זיך געבעטן: „שלאָג בעסער!“

דער בושל האָט אַ פּיק געטאָן דאָס קליינע גענדזל מיטן שנאָבל, עס געכאַפּט פֿאַרן קעפּל און עס אַ שלײַדער אַראָפּ געטאָן פֿון דער סטאַדאָלע. ער האָט גענומען צעוואַרפֿן מיטן שנאָבל און מיט די לאַפּעס דאָס נעסט, מער זיך נישט אַרומגעקוקט אויף דער „זי“, איז געשטאַנען אַ ווײַלע און אַוועקגעפֿלויגן.

די „זי“ האָט זיך אויסגעגלײַכט, גענומען שאַרפֿן אָן די ציין פֿון דער בראָנע איר שנאָבל און געטראַכט, אַז זי איז אַ פֿאַרלוירענע, אַז דער „ער“ איז געפֿלויגן זי פֿאַרמסרן פֿאַר דער סטאַדע.

די „זי“ האָט אויפֿגעהויבן איין פֿוס, גענומען שטאַרקער שאַרפֿן איר שנאָבל אָן דער בראָנע און זיך צעוויינט אויף איר שטייגער. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט איר שולד, אַז אַן אומגליק איז איר געשען, אַז זי וועט זיי דערציילן, די עלטסטע פֿון דער סטאַדע... זי וועט זיי ווײַזן די צוויי קינדער, עכטע בושלעך, מיט רויטע לאַפּקעס און רויטע שנעבעלעך... און זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

***

זעליק מיט רחלען זײַנען געזעסן אויף דעם פּליט.

„דו ווייסט, רחל?“

„וואָס?“

„פֿון הײַנט אָן וועל איך קאָנען שווימען פּונקט ווי אַ קאַטשקע.“

„ווי אַזוי?“

„כ׳וועל זיך אויפֿשנײַדן די פֿינגער פֿון –“

„זאָלסט עס נישט טאָן, הערסט, זעליק! כ׳וועל, אויף מײַן וואָרט, אייביק מיט דיר זײַן ברוגז, אייביק!“

„אַז דו לאָזסט נישט! הער מיך אויף אַפֿריִער אויס!“

„אַוודאי לאָז איך נישט!“

„זעסט, כ׳וועל נעמען די הײַטלעך פֿון גענדזענע לאַפּקעס, זיי אַרײַנמאַכן צווישן מײַנע פֿינגער, זיי פֿעסט אַרומבינדן, ביז זיי וועלן זיך אײַנוואַקסן און דערנאָך...“

„און בלוט וועט נישט גיין?“ האָט אים רחל איבערגעריסן.

„אַוודאי וועט נישט גיין! אָפּעלאָ האָט מיך אויסגעלערנט זיך צעשנײַדן אַ פֿינגער מיטן שאַרפֿסטן מעסער און ס׳זאָל קיין בלוט נישט גיין, איר מאַמע איז דאָך אַ מכשפֿה!“

„דו ביסט דאָך ברוגז מיט אָפּעלאָן?“

„אַוודאי בין איך ברוגז! די ווייסט, רחל, אָפּעלאָ האָט אַזאַ גראָז, אַז מען טוט עס אַ לעק, שלאָפֿט מען אַ גאַנצן מעת־לעת. גלייבסט נישט? אויף מײַן וואָרט!“

„האָט זי!“

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

„זעליק, ס׳איז טאַקע אמת, אַז אָפּעלאָס מאַמע גייט אין שיך פֿון מענטשלעכע אָדערן?“

„אַוודאי. דו ווייסט, אָפּעלאָס מאַמע קאָן ווערן אַ שטרוי אויך, זיך באַהאַלטן אין קלענסטן שפּעלטל! זי איז דאָך אַן אמתע מכשפֿה!“

די שטילע ווײַסל האָט זיך געבלעזלט. פֿון די בלעזלעך זײַנען געוואָרן קרײַזן. די קרײַזן זײַנען זיך צעוואַקסן, האָבן אײַנגעשלונגען איינער דעם צווייטן, זײַנען געוואָרן גרעסער און גרעסער און די תּמיד רויִקע ווײַסל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קרישטאָלענער שפּיגל, איז ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן, אײַנגעשלעפֿערט אַלץ אַרום.

אַ שוואַלב האָט דורכגעפֿלאַטערט, דערזען אין וואַסער נאָך שוואַלבן, האָט ער פֿון היימלעכקייט וועגן זיך אָפּגעשטעלט, אײַנגעטונקט דאָס שנעבעלע, און די ווײַסל האָט זיך אויף דאָס נײַ צעבלעזלט.

זעליק האָט דערציילט, אַז אונטערן „שוואַרצן שטיין“, אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ וווינט וואַנדע, די קייסערין פֿון דער ווײַסל. זומער, אין די גרויסע היצן, ווען די ווײַסל ווערט פֿלאַך, פֿאַרקלײַבט זיך וואַנדע מיט אירע שוועסטער אויפֿן שטיין און פֿאַרנאַרן צו זיך קליינע קינדער. זי האָט שוין אים אויך דרײַ מאָל געוואָלט כאַפּן, האָט ער אָבער אַזאַ שפּרוך, אַז ער זאָגט אים, וואַקסט גלײַך אויס אַ פֿײַערדיקע רייף און זי קאָן צו אים נישט צו.

„זעליק, און צו וואָס דאַרף וואַנדע אַזוי פֿיל קינדער?“

„צו וואָס זי דאַרף זיי? זי קושט זיי אַזוי לאַנג, ביז די נשמה גייט זיי אויס און דעמאָלט עסט זי אויף זייערע הערצלעך!“

די קינדער האָבן דערזען, ווי אַ מחנה בושלען קומען אָנצופֿליִען, לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער „קעמפּע“, וואָס געפֿינט זיך אין מיטן דער ווײַסל.

„דאָס גייען זיי פּראַווען אַ חתונה“, האָט זעליק געזאָגט און זיך געווענדט צו רחלען, „קום, מיר

וועלן צופֿאָרן מיטן שיפֿל.״

זעליק האָט אָפּגעבונדן פֿון דער פּליטע די לאָדקע. רחל האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער פֿון די היימישע זעט זיי נישט און איז אַ פֿריילעכע אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפֿל.

רחל האָט געקוקט, ווי די קליינע קרישטאָלענע וועלן פֿאַלדעווען זיך, שלינגען אײַן איינער דעם צווייטן, בלענדן די אויגן, איז זי פֿריילעכער געוואָרן און אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם קוויטש.

זיי זײַנען אַרויס אויף דער „קעמפּע״, אַרויסגעשלעפּט דאָס שיפֿל און זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז.

די בושלען האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרײַז. אַן עלטערע פּאָר, ווי צוויי חשובֿע באַלעבאַטים מיט פֿאַרלייגטע הענט, האָבן געשפּאַנט אין מיטן קרײַז. דער „ער״ איז געקומען צו פֿלִיען, געהאַלטן דאָס טויטע גענדזל אין שנאָבל, עס אונטערגעטראָגן דער עלטערער פּאָר – נאַ, זעט!

די עלטערע בושלען האָבן דאָס גענדזל באַטראַכט, באַשמעקט, געוואָרפֿן מיט זייערע לאַנגע העלדזער, געגאָדערט אויף זייער שטייגער און צוויי בושלען זײַנען אַוועקגעפֿלויגן.

באַלד זײַנען די בושלען צוריקגעקומען מיט דער „זי״. די שלוחים האָבן מיט „קליו־קליאַ, קליו־קליאַ״ איבערגעגעבן דער „זי״ס טענות. די בושלען האָבן זיך ווידער צעגאָדערט, זיך געקאָכט, אַרויס פֿון קרײַז, זיך צונויפֿגעשטופּט אין איין קופּע און פֿון דער ווײַטנס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ברייטבייניק פֿאַרזעעניש מיט צענדליקער בויגיקע קעפּ שטייט אין מיטן דער ווײַסל און שרײַט „קליו־קליו, קליאַ־קליאַ!״ – –

די בושלען האָבן אַרומגערינגלט די „זי״. דער „ער״ איז דער ערשטער צו, דערלאַנגט זײַן ווײַבל אַ פּיק גלײַך אין קאָפּ אַרײַן און פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך לאַנגע העלדזער מיט אָפֿענע שנאָבלס געטראָגן צו איר, פֿעדערן האָבן זיך געדרייט אין דער לופֿטן און דער פֿויגל איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

***

עס איז געוואָרן שפּעט. רחל איז געזעסן און געוויינט, געוווּסט, אַז זי מיט זעליקן זײַנען אין אַלעם שולדיק. זעליק האָט זי אויפֿגעהויבן:

„קום, רחל, מיר וועלן אַהיימפֿאָרן.״

זיי זײַנען אַרײַן אין שיפֿל. שווערע וואָלקנס האָבן זיך מיט אַ מאָל גענומען שנײַדן פֿון דער ווײַסל, זיך אַוועקגעשטעלט, ווי ווענט, ווי חורבֿות, און עס איז געוואָרן שטאָק פֿינצטער. אַ בליץ האָט אָנגעצונדן די גאַנצע ווײַסל. רחל איז צעטומלט געוואָרן פֿון צו פֿיל ליכטיקייט, האָט נישט געזען, פֿאַרגעסן, אַז זי איז אין שיפֿל, און איז אויפֿגעשפּרונגען. האָט אַ קראַך געטאָן אַ דונער, גלײַך מען וואָלט שטיינערנע בערג צעריסן, און ס׳האָט אַ גאָס געטאָן אַ מבול.

רחל איז מער אין שיפֿל נישט געווען. זעליק האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס רעקל, געזוכט רחלען, זיך אַראָפּגעלאָזט אונטערן וואַסער – רחל איז נישטאָ.

די ווײַסל האָט געשטורעמט.

שוואַרצע וואַלן, ווי צערייצטע חיות, מיט שוים אויף די מײַלער, האָבן זיך אויפֿגעשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס, געריעוועט, זיך געוואָרפֿן אויף זעליקן. און פֿון אַלע זײַטן האָבן בליצן, ווי פֿײַערדיקע סטענגעס, אים געבלענדט די אויגן. דאָס שיפֿל איז שוין געווען ווײַט פֿון אים, זיך געטראָגן אַליין איבער דער ווײַסל. אַ וואַל האָט אים אײַנגעהילט, און זעליק האָט דערפֿילט, אַז ס׳ווערט אים גרינגער, האָט ער אָפּגעלאָזט הענט און פֿיס און דערזען ווי אַ פּאַלאַץ מיט גרינע פֿײַערלעך שווימט צו אים. וואַנדע, אײַנגעהילט אין ווײַסלעכע בליצן, בלײַבט הענגען אין דער לופֿטן. זי רופֿט אים צו זיך, ווײַזט אים רחלען, שיקט צו אים בליצן, און די בליצן, ווי לאַנגע צונגען, ווערן אַלץ דינער. די בליצן קיצלען, קושן, ברענען, און זײַן מאַמע שטייט איבער אים, קוועטשט ציטרין אויף צוקער און לייגט אים אין מויל אַרײַן. און מיט אַ מאָל צעשפּרייט וואַנדע אירע וואַסערדיקע האָר, די האָר ווערן לענגער, וויקלען אים אַרום און, ווי דורך טויזנטער רינעס, שטראָמט וואַסער, פֿאַרלעשט די בליצן און ס׳ווערט אים אַזוי גוט, אַזוי גוט און ער שווימט.